אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

# DER YIDISHER דער ייִדישער
# טעם־טעם TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

יאָר 21, נומער 3 (103) 2,50 אייראָס אָדר תּשע"ו/מאַרץ 2016

## וואַרטן אויף גאָדאָ אין פּאַריז




אַ יאָר מיט אַ טאָג ■ זז' 2-3

וואַרטן אויף גאָדאָ אין פּאַריז ■ זז' 4-5

שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש ■ זז' 5-7

שאַפֿונגען פֿון די לייענערס ■ זז' 8-11

# אַ יאָר מיט אַ טאָג

## פֿון רובי מאָנעט



מזל־טובֿ[1]! עס קומט אונדז הײַיאָר[2] אַ מתנה[3] — נאָך אַ טאָג, אַ צוגאָבטאָג[4], אַ 29סטער טאָג אין פֿעברואַר.

דאָס יאָר 2016 פֿונעם אַלגעמיינעם[5] (גרעגאָריאַנער) קאַלענדאַר איז אַ יאָר מיט 366 טעג, וואָס מע רופֿט אים מיט פֿאַרשיידענע נעמען. אין געוויסע שפּראַכן איז דער נאָמען אַ וואַריאַנט פֿון „ביסעקסטיל“. דאָס וואָרט שטאַמט פֿון די רוימישע[6] צײַטן, ווען מע האָט געפּרוּווט אויסגלײַכן[7] דעם קאַלענדאַר און פֿאַרטאָפּלט אַ טאָג אין פֿעברואַר. אָט דער טאָג האָט געהייסן „סעקסטוס“ (דער זעקסטער), ווײַל ס'איז געווען דער 6טער טאָג פֿאַרן אָנהייב מאַרץ, און מאַרץ איז געווען (אין אַ פֿריִערדיקן רוימישן קאַלענדאַר) דער ערשטער חודש[8] פֿון יאָר.

אין אַ פּאָר אַנדערע שפּראַכן, ווי ענגליש, רופֿט מען דאָס מיט אַ וואָרט וואָס מיינט „שפּרינגען“[9]. פֿאַר וואָס? לאָמיר נעמען אַ בײַשפּיל: אויב דער 5טער מײַ איז אַ זונטיק, וועט עס זײַן איבער אַ יאָר אַ מאָנטיק, נאָר אויב ס'איז אַ „שפּרונג“־יאָר, שפּרינגט די דאַטע צוויי טעג פֿאָרויס און פֿאַלט אויס אַ דינסטיק.

ווי איר ווייסט איז די סיבה[10] פֿאַר דעם צוגאָבטאָג אַז די ערד דרייט זיך אַרום דער זון נישט אין 365 טעג נאָר אין 365 מיט אַ פֿערטל[11], ד"ה[12] אַז מיר פֿאַרלירן אַ פֿערטל טאָג יעדעס יאָר. דערפֿאַר מוז מען אַלע פֿיר יאָר צוגעבן אַ טאָג, אַניט[13] וואָלט דער קאַלענדאַר זיך אין גאַנצן צעשיידט מיט דעם ציקל פֿון דער נאַטור און די צײַטן פֿון יאָר[14].

וועגן דעם טאָג פֿון 29סטן פֿעברואַר געפֿינט מען פֿאַרשיידענע גלייבענישן[15]:

* אין אַ סך לענדער מיינט מען אַז דער טאָג (אָדער דאָס גאַנצע יאָר) איז ניט־מזלדיק[16].

* אין געוויסע ערטער מיינט מען אַז עס ברענגט אומגליק חתונה צו האָבן[17] אין אַזאַ יאָר.

* אַ מינהג[18] (וואָס האָט אפֿשר[19] אַ שײַכות[20] מיטן פֿריִערדיקן!) איז אַז דעם טאָג (דעם איינציקן אין יאָר) מעג אַ פֿרוי פֿאָרלייגן[21] אַ מאַן חתונה צו האָבן.

* גאָר צופֿעליק[22]: אין אָט אַזאַ יאָר פֿאַלן אַלע מאָל אויס די פּרעזידענט־וואַלן[23] אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן (אָן קיין שום[24] פּאָליטישע קאָמענטאַרן...).

איר ווייסט אפֿשר אויך אַז אַן ענלעכער פֿענאָמען קומט פֿאָר אינעם ייִדישן לוח[25], נאָר ס'איז אַ סך קאָמפּליצירטער. דער רוימיש־קריסטלעכער קאַלענדאַר איז באַזירט נאָר אויף דער זון. דער לוח אָבער דאַרף נעמען אין אַכט דעם ציקל פֿון דער ערד אַרום דער זון און פֿון דער לבֿנה[26] אַרום דער ערד. אַלץ מוז שטימען[27]: ראָש־חודש[28] מוז אויספֿאַלן אויף אַ נײַער לבֿנה, פּסח[29] מוז בלײַבן אין פֿרילינג, יום־כּיפּור[30] טאָר ניט אויספֿאַלן פֿרײַטיק אָדער זונטיק, און נאָך און נאָך... דאָס ייִדישע יאָר באַשטייט פֿון 12 חדשים, יעדער חודש האָט 29 אָדער 30 טעג. דאָס גיט אַ יאָר פֿון 354 טעג, וואָס מיינט אַז מיר פֿאַרלירן 11 טעג אַ יאָר. אָט די טעג מוז מען צוריקשטעלן. ווי אַזוי? גאָרנישט אַזוי פּשוט[31] ווי איין טאָג אַלע פֿיר יאָר. אין ייִדישן לוח גיט מען צו אַ גאַנצן חודש און מע טוט עס זיבן מאָל אין אַ ציקל פֿון 19 יאָר, ד"ה יעדע 2-3 יאָר. אַזאַ יאָר מיט אַ 13טן חודש האָט צווישן 383 און 385 טעג. קאָמפּליצירט, יאָ? ווי אַזוי רעכנט מען אַזעלכע זאַכן? פֿרעגט מיך בחרם[32]! אָבער אונדזערע חכמים[33] האָבן שוין לאַנג אַלץ אויסגערעכנט.

אַזאַ יאָר רופֿט מען אָן עיבור־יאָר[34] — דאָס הייסט אַ „טראָגעדיק“[35] יאָר, און מע האַלט עס דווקא[36] פֿאַר מזלדיק, דערפֿאַר וואָס עס האָט צוויי חדשים אָדר[37]. אין אָדר פֿאַלט אויס דער יום־טובֿ פּורים[38], דער פֿריילעכסטער יום־טובֿ פֿון יאָר. ס'איז אַפֿילו[39] דאָ אַ ווערטל „משנכנס אָדר מרבין בשׂימחה“[40]. הײַיאָר, תּשע"ו[41] (5776), איז אַן עיבור־יאָר. טאָ לאָמיר האָפֿן אַז די צוויי חדשים אָדר וועלן צוגעבן אונדזער יאָר אַ ביסל פֿרייד.



1. MA'ZL-TOV félicitations/congratulations 2. cette année/this year 3. MATONE cadeau/gift 4. jour supplémentaire/extra day 5. commun/common 6. romains/Roman 7. rectifier/rectify 8. KHOYDESH mois/month, *plur.* חדשים KHADOSHIM 9. sauter/jump, leap 10. SIBE raison/reason 11. un quart/a quarter 12. דאָס הייסט c'est-à-dire/that is 13. sinon/otherwise 14. saisons/seasons 15. superstitions 16. ...-MA'ZLDIK malchanceux/unlucky 17. KHA'SENE ... se marier/to get married 18. MINEG coutume/custom 19. EFSHER peut-être/perhaps 20. SHAYKHES rapport/relation 21. proposer/propose 22. tout à fait par hasard/completely by chance 23. élections 24. sans aucun/without any 25. LUEKH calendrier/calendar 26. LEVONE lune/moon 27. concorder/match, correspond 28. ROSH-KHOYDESH début du mois lunaire/start of lunar month 29. PEYSEKH Pâque/Passover 30. YOM-KIPER Yom Kippour/Day of Atonement 31. POSHET simple 32. ... BEKHEYREM je n'en ai aucune idée/I haven't the slightest idea 33. ... KHAKHOMIM nos sages/our wise men, *sing.* חכם KHOKHEM 34. IBER-... année embolismique du calendrier juif/leap year in Jewish calendar 35. enceinte/pregnant 36. DAFKE justement/*here* actually 37. ODER mois d'adar (fév.-mars)/month of Adar (Feb.-Mar.) 38. YONTEV PURIM fête de Pourim/Purim festival, *plur.* יום־טובֿים YONTOYVIM 39. AFILE même/even 40. MISHENIKHNES ODER MARBN BESIMKHE Quand adar approche, la joie grandit/When Adar draws near, joy is greater 41. TASHA'V l'année 5776 écrite à la manière traditionnelle/year 5776 written in the traditional manner



41 קאלענדאר [לוח תרנ"ה] עפפעלבערגס

אסטראנאמיש. קאלענדר.

| דאטום | זונען אויפגאנג | זונען אונטערגאנג | דער טאג האלט |
|---|---|---|---|
| | מינ' אויף שעה | | ש' מינ מ' |
| א | 8.52 | 5.35 | 43. 8 |
| ב | 8.51 | 5.36 | 45. 8 |
| ג | 8.50 | 5.38 | 48. 8 |
| ד | 8.48 | 5.39 | 51. 8 |
| ה | 8.47 | 5.41 | 54. 8 |
| ו | 8.45 | 5.43 | 58. 8 |
| ז | 8.44 | 5.45 | 1. 9 |
| ח | 8.42 | 5.47 | 5. 9 |
| ט | 8.40 | 5.49 | 9. 9 |
| י | 8.39 | 5.51 | 12. 9 |
| יא | 8.37 | 5.52 | 15. 9 |
| יב | 8.35 | 5.54 | 19. 9 |
| יג | 8.32 | 5.57 | 25. 9 |
| יד | 8.30 | 5.59 | 29. 9 |
| טו | 8.28 | 5.— | 32. 9 |

(ערשטעם קוו.) ט' שבט, 1 אוהר 51 מינ' פארט.
(הלבנה במלואה) ט"ו שבט, 6 „ 58 „ אבענד
(צווייטעם קוו.) כ"ב שבט, 2 „ 44 „ נאכמ.
(הלבנה בחדושה) ל' שבט, 6 „ 19 „ אבענד

אסטראנאמיש. קאלענדר.

| דאטום | זונען אויפגאנג | זונען אונטערגאנג | דער טאג האלט |
|---|---|---|---|
| | מינ' אויף שעה | | ש' מינ מ' |
| טז | 8.26 | 6. 3 | 37. 9 |
| יז | 8.24 | 6. 5 | 41. 9 |
| יח | 8.22 | 6. 7 | 45. 9 |
| יט | 8.20 | 6. 9 | 49. 9 |
| כ | 8.19 | 6.10 | 51. 9 |
| כא | 8.18 | 6.11 | 53. 9 |
| כב | 8.16 | 6.13 | 57. 9 |
| כג | 8.14 | 6.15 | 1.10 |
| כד | 8.12 | 6.17 | 5.10 |
| כה | 8.10 | 6.19 | 9.10 |
| כו | 8. 8 | 6.20 | 12.10 |
| כז | 8. 6 | 6.22 | 16.10 |
| כח | 8. 4 | 6.23 | 19.10 |
| כט | 8. 2 | 6.25 | 23.10 |
| | 7.— | 6.26 | 26.10 |

נאטיצען.

| Февраль 28 дней. | | Luty 28 dni. | |
|---|---|---|---|
| Число | Имена Святыхъ Православной Церкви. | Dnia | Święta Kościoła Rzymsko-Katolickiego. |
| С. 14 | Пр. От. въ Сунаѣ и Раиѣ. | S. 26 | Polikarpa B. M. |







איין קאַלענדאַר וואָס מײַדט אויס[42] אַזעלכע קונצן[43] איז דער איסלאַמי־שער, דערפֿאַר וואָס ער איז געבונדן נאָר צו דער לבֿנה. דאָס איסלאַמישע יאָר האָט 12 חדשים פֿון 29 אָדער 30 טעג, וואָס מאַכט אויס 354 (אַ מאָל 355) טעג, פּונקט אַזוי ווי דאָס ייִדישע יאָר. נאָר די 11 טעג וואָס ווערן פֿאַרלוירן בלײַבן פֿאַרלוירן. דער קאַלענדאַר דרייט זיך אַ פֿרײַער און שטימט ניט מיטן נאַטוריאָר. און אַזוי אַרום שטימען ניט די יום־טובֿים מיט די צײַטן פֿון יאָר. ראַמאַדאַן, צום בײַשפּיל, קען אויספֿאַלן ווינטער אָדער זומער, וואָס מאַכט ניט קיין גרויסן אונטערשייד אויב מע לעבט אין סאַודי־אַראַביע, נאָר אויב מען איז אין אייראָפּע און מען מוז פֿאַסטן[44] פֿון זונאויפֿגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג איז עס טאַקע אַן אַנדער מעשׂה[45].

די פֿראַגע איז: צי קען מען אויסאַרבעטן אַ קאַלענדאַר וואָס זאָל אין גאַנצן שטימען מיט דער נאַטור?

יעדער קאַלענדאַר וואָס עקזיסטירט אָדער האָט אַ מאָל עקזיסטירט האָט עפּעס אַ חסרון[46]. דער גרעגאָריאַנער פֿאַרלירט 27 סעקונדעס אַ יאָר (איין טאָג אין אַרום 3000 יאָר). דער ייִדישער פֿאַרלירט 7 מינוט אַ יאָר, איין טאָג אין 216 יאָר. זעט אויס אַז דער פּינקט־לעכסטער[47] איז געווען דער וואָס די מאַיאַס[48] האָבן אויסגערעכנט מיט אַ פּאָר יאָרטויזנטער[49] צוריק. און אַפֿילו ער פֿאַרלירט אַ טאָג אין 6000 יאָר.

טאָ לאָמיר זיך ניט זאָרגן. די מאַטעמאַ־טיקערס מאַכן זייערע חשבונות[50] און די ערד טוט ווי זי וויל. דער גרויסער וויסנשאַפֿטלער[51] גאַלילעאָ האָט עס שוין באַמערקט: און די ערד, זי דרייט זיך...

42. évite/avoids 43. *ici* acrobaties/tricks 44. jeûner/fast 45. MAYSE histoire/story 46. ... KhESORN défaut quelconque/some kind of defect 47. le plus exact/most exact 48. Mayas 49. millénaires/millenia 50. KhESHBOYNES calculs/calculations 51. savant/scientist.

# דער „ניו ייִדיש רעפּ"[1] גיט בעקעטן[2]
# אַ היים אויף ייִדיש

פֿון סעסיל נעזער חבֿר[3]

פֿונעם 12טן ביזן 27סטן מאַרץ האָט מען געקענט זען אין פּאַריז וואַרטן אויף גאָדאָ[4], אַ ייִדישע באַאַרבעטונג[5] פֿון סאַמועל בעקעטס באַרימטער פּיעסע. די טעאַטער־פֿאָרשטעלונג איז געווען אַ פּראָדוקציע פֿונעם ניו־יאָרקער „ניו ייִדיש רעפּ" און איז פֿאָרגעשטעלט געוואָרן אינעם פּאַריזער אירישן קולטור־צענטער[6].



שיין בייקער (דידי, פֿון רעכטס) און דוד מאַנדלבוים (גאָגאָ) וואַרטן אויף גאָדאָ.

אין אַ רעגנדיקן מאָנטיק־אָוונט זײַנען מיר, אַ פּאָר חבֿרים[7] פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער, געגאַנגען אין די גאַסן פֿונעם לאַטײַנישן קוואַרטאַל[8] אינעם 5טן שטאָטקרײַז[9]. דאָ, אין אַ קליינטשיקער גאַס „רי דע אירלאַנדע", צווישן דעם גוואַלדיקן פּאַנטעאָן און דער אָנגעזעענער „עקאָל נאָרמאַל סיפּעריער", געפֿינט זיך דער אירישער קולטור־צענטער. אין אָט דעם אירישן קולטורעלן אינדזל האָבן מיר געזען אַן אַמעריקאַנער טרופּע, מיט פֿינף אַקטיאָרן פֿון פֿאַרשיידענע לענדער, וואָס שטעלט פֿאָר אַ ייִדישע איבערזעצונג פֿון אַ פֿראַנצייזישער פּיעסע, אַ געשריבענער פֿון אַן אירישן מחבר[10]. און מיר אַליין זײַנען געווען פֿינף חבֿרים וואָס שטאַמען פֿון פֿינף פֿאַרשיידענע קולטורן און שפּראַכן.

וואַרטן אויף גאָדאָ איז טאַקע אַ פּיעסע וואָס רעדט צו יעדן מענטש. זי דריקט אויס[11] אַ סיטואַציע פֿון פֿאַרצווייפֿלונג[12] און שטעלט עקזיסטענציעלע פֿראַגעס וואָס מאַטערן[13] אַלעמען. בעקעט האָט נישט געוואָלט פּסקענען[14] וועלכע פֿון די מעגלעכע אינטערפּרעטאַציעס איז די בעסטע און האָט ניט געגעבן קיין אָנדײַטן[15] אויף דעם, וועמען ער מיינט מיט די העלדן. די דאָזיקע אומבאַשטימטקייט[16] היט אָפּ[17] דעם אַלמענטשלעכן[18] כאַראַקטער פֿון דער דראַמע און דערלויבט יעדן איינעם זיך צו אידענטיפֿיצירן מיט די פּאַרשוינען[19].

מע וואָלט געקענט מיינען אַז אַ ייִדישע איבערזעצונג פֿון אַזאַ טעקסט וועט שאַפֿן עפּעס ספּעציפֿיש, ייִדישלעכס, און אַזוי אַרום וועט די פּיעסע פֿאַרלירן איר אַלמענטשלעכן גײַסט. דער איבערזעצער, שיין בייקער[20] (וואָס שפּילט אויך די ראָלע פֿון וולאַדימיר) האָט טאַקע[21] באַשלאָסן צו געבן דעם טעקסט אַ ייִדישן טעם[22] און האָט אַדאַפּטירט למשל[23] די נעמען פֿון עטלעכע ערטער צו אַ ייִדישן קאָנטעקסט. דער פּועל־יוצא[24], אַגבֿ[25], איז געווען זייער געראָטן[26], ווי מע זעט צום בײַשפּיל אין לאַקיס[27] מאָנאָלאָג, פּרעכטיק אינטערפּרעטירט פֿון רפֿאל גאָלדוואַסער[28].

אין דער אמתן[29] איז דער ייִדישער אַספּעקט גאָר נישט פֿרעמד צו דעם אָריגינאַל. געוויסע קריטיקער מיינען אַפֿילו[30] אַז די סיטואַציע פֿון די הויפּט־פּאַרשוינען, דידי (אָדער וולאַדימיר) און גאָגאָ (אָדער עסטראַגאָן), איז ממילא[31] אַ ייִדישע סיטואַציע: אומזיכערע, וואַקלדיקע[32] נד־ונדניקעס[33] וואָס בלײַבן אין אַן עקזיסטענציעלן גלות[34] ביז משיח[35] (אָדער גאָדאָ) וועט קומען... בייקערס ייִדישע באַאַרבעטונג ווײַזט ווי וואַרטן אויף גאָדאָ קען זיך פֿילן אין גאַנצן היימיש[36] אויף ייִדיש.

[סוף ז' 5]

1. New Yiddish Rep, http://www.newyiddishrep.org 2. Samuel Beckett (*datif/dativ*) 3. Cécile Neeser Hever 4. *En attendant Godot/Waiting for Godot* 5. adaptation 6. Centre culturel irlandais/Irish Cultural Centre 7. KHAVEYRIM amis/friends, *sing.* KHAVER 8. Quartier latin/Latin Quarter 9. arrondissement/district 10. MEKHABER auteur/author 11. exprime/expresses 12. désespoir/despair 13. tourmentent/torment 14. PA'SKENEN trancher/judge 15. indices/hints 16. caractère indéfini/indefined nature 17. préserve/preserves 18. universel/universal 19. personnages/characters 20. Shane Baker 21. effectivement/indeed 22. TAM saveur/taste 23. LEMOSHL par exemple/for example 24. POYEL-YOYTSE résultat/result 25. AGEV à propos/by the way 26. réussi/successful 27. de Lucky/Lucky's 28. REFOEL Rafael Goldwaser 29. ... E'MESN à vrai dire/in fact 30. AFILE même/even 31. MEMEYLE forcément/necessarily 32. indécis/hesitating 33. NAVENA'DNIKES vagabonds/wanderers 34. GOLES exil/exile 35. MESHIEKH le Messie/the Messiah 36. familier/familiar

[סוף פֿון ז' 4]

דערצו איז דאָ מער ווי איין אײנציקער ייִדיש: די צוויי הויפּטהעלדן[37] רעדן אויף פֿאַרשיידענע דיאַלעקטן. גאָגאָ (דוד מאַנדלבוים[38]) רעדט פּויליש ייִדיש, און דידי (שיין בייקער) — כּלל־ייִדיש[39]. די קורצע, מאָנאָטאָנע רעפּליקעס, וואָס אינעם אָריגינעלן טעקסט ווײַזן זיי אויף דער אַבסורדקייט פֿון דער סיטואַציע, באַקומען אויף ייִדיש אַן אינטערעסאַנטן קנייטש[40] (אַ מין[41] I say tomato, you say tomato): „איך [גיי]" — זאָגט איינער, „דו [גייסט]?" — ענטפֿערט דער אַנדערער. דאָס שאַפֿט אַ וויץ וואָס נאָר דער ייִדישער עולם[42] פֿאַרשטייט אים. נאָר אַזאַ הומאָר פֿאַרשוואַכט ניט די פֿאַרצווייפֿלטע שטימונג[43]. פֿאַרקערט: דאָס בײַטן דעם אַקצענט שאַפֿט אַ קאָנטראַסט און ווײַזט נאָך שטאַרקער אויף דער אַלגעמיינער מאָנאָטאָניע. עס ווירקט ווי אַ comic relief, אַ קורצע און פֿאַרבײַגייענדיקע אַנטשפּאַנונג[44] דורך הומאָר אין אַן ערנסטער און שווערער סיטואַציע. אין אַ וועלט וווּ דער מצבֿ[45] פֿון מענטש איז אַן אַבסורדער, איז הומאָר — ווי גאָדאָ אַליין — אַ הילף ווײַטערצוגיין. אַזאַ שפּיל מיטן דיאַלעקטאַלן אַרויסרעד איז מעגלעך נאָר אין אַ ייִדישער איבערזעצונג און עס גיט צו נאָך אַ שיכט[46] צו דעם טראַגי־קאָמישן הומאָר וואָס איז שוין ממילא פֿאַראַן אינעם אָריגינעלן טעקסט.

די ייִדישע באַאַרבעטונג פֿון וואַרטן אויף גאָדאָ לייגט פֿאָר אַ פּאַרטיקולערן צוגאַנג צו אַן אוניווערסעלער פֿראַגע. זי באַווײַזט צוויי זאַכן: ערשטנס, אַנטפּלעקט זי אַז די ייִדישע אינטערפּרעטאַציע איז ניט קיין אויסגעטראַכטע[47] און גיט בעקעטס טעקסט אַן אָרט וואָס קומט אים אויף ייִדיש. צווייטנס, ווײַזט זי דעם כּוח[48] פֿון בעקעטס פּיעסע, וואָס האָט אַ פֿעיִקייט אָנצונעמען אַ ייִדישן טעם ניט פֿאַרלירנדיק איר אַלמענטשלעכן זינען.

37. personnages principaux/main heros 38. DOVID David Mandelbaum 39. KLAL-... yiddish standard/standard Yiddish 40. nuance 41. sorte de/kind of 42. ... OYLEM public/audience 43. ambiance/mood 44. détente/release of tension 45. MATSEV situation 46. couche/layer 47. O'YSGEKhKIRETE tiré par les cheveux/far-fetched 48. KOYEKh force/strength.

שיבֿעים־לשון[1]

# שפּראַך־עצות[2] פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש (טייל 1)

## פֿון טל חבֿר־כיבאָווסקי[3]

**אין דער רובריק[4] „שיבֿעים־לשון" קלײַבן מיר אויס יעדעס מאָל אַן אַנדער שפּראַך און גיבן באַזונדערע שפּראַך־עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען אָט די שפּראַך. דאָס מאָל וועלן מיר געבן עצות פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש.**



„דער בבֿל־טורעם" פֿון אַנטאָן מאָצאַרט, אַרום 1600.

### די קעגנזײַטיקע השפּעות[5] צווישן ייִדיש און העברעיִש

אין אַן אַרטיקל פֿון 1931 האָט דער גרויסער לינגוויסט און היסטאָריקער פֿון דער ייִדישער שפּראַך, מאַקס ווײַנרײַך[6], געפֿרעגט „וואָס וואָלט געווען ייִדיש אָן העברעיִש?". זײַן אויספֿיר[7], אַז „אָן די העברעיִש־אַראַמישע עלעמענטן וואָלט די ייִדישע שפּראַך ניט געווען" איז באַזירט אויף זײַן אַנאַליז אַז „אַ דאַנק די עלעמענטן פֿון תּורה[8], פֿון דאַווענען[9], פֿון לערנען איז די ייִדישע שפּראַך געוואָרן דאָס וואָס זי איז". הגם[10] ייִדיש איז אַ גערמאַנישע שפּראַך אין אירע יסודותדיקע[11] סטרוקטורן, האַלט ווײַנרײַך, אַז „דאָס וואָס עס האָט אין משך פֿון[12] הונדערטער יאָרן געהייסן ייִדישקייט איז געווען קאָנצענטרירט

1. shIVIM-LOShN 70 langues (traditionnellement toutes les langues du monde)/70 languages (in Jewish tradition, all the languages of the world) 2. EYTSES conseils/advice 3. Tal Hever-Chybowski 4. rubrique/column 5. ... HAShPOES influences réciproques/reciprocal influences 6. Max Weinreich (1894-1969) 7. conclusion 8. TOYRE Torah 9. prière/prayer 10. HAGA'M bien que/although 11. YESO'YDESDIKE de base/basic 12. ... MEShEKh ... pendant/for

אין דעם העברעיִשן עלעמענט". די לשון־קודש־שטאַמיקע[13] עלעמענטן, הייסט עס, זײַנען איר גײַסטיקער תּמצית[14], דאָס פֿינטעלע[15] ייִדישקייט אַזוי צו זאָגן.

אין דער צײַט אין וועלכער ווײַנרײַך שרײַבט, האָבן העברעיִסטן — ס'רובֿ[16] פֿון זיי ייִדיש־רעדנדיקע — געשטרעבט אויסצובײַטן לשון־קודש אויף עבֿרית[17], דאָס הייסט: אויף אַ מאָדערניזירטער נאַציאָנאַלער שפּראַך וואָס דאַרף גערעדט ווערן פֿון די ייִדישע מאַסן. אין דעם זעלבן אַרטיקל שרײַבט ווײַנרײַך אַז „פֿאַר דעם שפּראַך־פֿאָרשער[18] וואָלט געווען פּונקט אַזוי טשיקאַווע[19] צו שטעלן די פֿראַגע: וואָס וואָלט העברעיִש געווען אָן ייִדיש?" ווײַנרײַך האַלט, אַז „אָן דער ייִדישער ווירקונג וואָלט דאָס הײַנטיקע העברעיִש געהאַט גאָר אַן אַנדער פּנים[20]".

אין דער אמתן[21] איז ייִדיש משפּיע געווען[22] אויף העברעיִש שוין אַ פּאָר הונדערטער יאָרן. די אַשכּנזישע[23] העברעיִשע שפּראַך פֿון פּינקסים[24], שאלות־ותּשובֿות[25], משׂכּילישער[26] און חסידישער[27] ליטעראַטור און פֿון דער מאָדערנער ליטעראַטור און פּובליציסטיק איז פֿול מיט ייִדישע סינטאַקטישע סטרוקטורן, קאַלקעס[28] און אַנדערע השפּעות פֿון ייִדיש. ווײַנרײַך איז גערעכט: אָן ייִדיש וואָלט דאָס הײַנטיקע העברעיִש נישט געווען דאָס וואָס עס איז.

## קענען העברעיִש איז אַ גרויסע מעלה[29] פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

די קעגנזײַטיקע השפּעות צווישן ייִדיש און העברעיִש זענען זייער אַ קאָמפּליצירטער ענין[30], נאָר איין זאַך איז קלאָר: קענען העברעיִש איז אַ גרויסע מעלה פֿאַר ייִדיש־לערנערס פֿון אַלע מדרגות[31]. ייִדיש־אָנהייבערס וואָס קענען העברעיִש האָבן שוין אַ דערפֿאַרונג מיט די ייִדישע אותיות[32] און קענען גרויסע טיילן פֿונעם לשון־קודש־שטאַמיקן וואָקאַבולאַר אין ייִדיש. אָבער אויך אַוואַנסירטע תּלמידים[33] וואָס ווילן זיך פֿאַרטיפֿן[34] אין ייִדיש, לערנען זיך אָפֿט העברעיִש כּדי צו[35] פֿאַרפֿעסטיקן[36] זייער השׂגה[37] אין דעם „גײַסטיקן תּמצית" פֿון דער שפּראַך, ווי ווײַנרײַך האָט עס אָנגערופֿן.

צוליב דער לשון־קודשדיקער השפּעה אויף ייִדיש, זײַנען נישט נאָר אַ סך ייִדישע ווערטער פֿאַרשטענדלעך פֿאַר תּלמידים וואָס קענען העברעיִש, נאָר אויך געוויסע אידיאָמען, ווי למשל[38] דער אויסדרוק **אויף איין פֿוס**[39], וואָס איז פּשוט[40] אַ קאַלקע פֿון **על־רגל־אַחת**[41]. פֿון דער אַנדערער זײַט, אַ דאַנק דער ייִדישער השפּעה אויף העברעיִש קענען העברעיִש־קענער אַ סך ייִדישע ווערטער וואָס זײַנען אײַנגעוואָרצלט געוואָרן אין העברעיִש (למשל **קונץ**[42] אָדער **מאַכער**[43]). זיי איז אויך פּשוטער צו פֿאַרשטיין אויסדרוקן וואָס העברעיִש האָט קאַלקירט פֿון ייִדיש, ווי **וואָס הערט זיך?** (אויף העברעיִש: **מה נשמע**[44]?).

## אַ יודע שאינו יודע איז אַ האַלבער יודע[45]

גוט קענען העברעיִש העלפֿט אַ סך, אָבער עס קען אויך קאָמפּליצירן דאָס לערנען זיך ייִדיש און פֿאַרפֿירן צו טעותים[46]. די גרעסטע פּראָבלעם איז נישט מיט וואָס מע ווייסט נישט, נאָר מיט וואָס מע ווייסט נישט אַז מע ווייסט נישט. די הויפּט־שוועריקייטן פֿאַר העברעיִש־קענערס וואָס לערנען זיך ייִדיש זײַנען דער ריכטיקער אַרויסרעד[47] און דער ריכטיקער זינען[48] פֿון די העברעיִזמען אין ייִדיש. אין דעם ערשטן טייל פֿון דעם דאָזיקן אַרטיקל וועט מען רעדן נאָר וועגן דעם אַרויסרעד.

## אַרויסרעד

פֿאַראַן זייער ווייניק לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אויף ייִדיש וואָס האָבן דעם זעלבן אַרויסרעד ווי אין מאָדערן העברעיִש (זע אונטן: אויסנאַמען[49]). אויב מאָדערן העברעיִש אַקצענטירט על־פּי רובֿ[50] דעם לעצטן טראַף[51], שטייט דער אַקצענט אין די לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אויף ייִדיש בדרך־כּלל[52] אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף. אין די דאָזיקע פֿאַלן ווערט דער לעצטער אומבאַטאָנטער[53] טראַף אָפֿט אָפּגעשוואַכט, דאָס הייסט, אַנשטאָט דעם אָריגינעלן וואָקאַל רעדט מען אַרויס אַ קורצן [ע]־קלאַנג:

| בײַשפּיל | עבֿרית | ייִדיש |
| --- | --- | --- |
| תּלמיד | [טאַלמיד] | [טאַלמעד] |
| משוגע[54] | [מעשוגאַ] | [מעשוגע] |

דערצו רעדט מען אַרויס די נישט־אָפּגעשוואַכטע לשון־קודש־שטאַמיקע וואָקאַלן אויף ייִדיש לויט דער אַשכּנזישער הבֿרה[55], וואָס איז רײַכער אין קלאַנגען אין פֿאַרגלײַך צו מאָדערן העברעיִש. די אונטערשיידן דערקענט מען אין דרײַ וואָקאַלן:

| וואָקאַל | בײַשפּיל | עבֿרית | ייִדיש |
| --- | --- | --- | --- |
| קמץ[56] (אָ) | שָׁלום[57] | [שאַלאָם, shALOM] | [שאָלעם, shOLEM] |
| צרי[58] (אֵ) | מֵבין[59] | [מעווין, MEVIN] | [מייוון, MEYVN] |
| חולם[60] (וֹ) | מוֹכר[61] | [מאָכער, MOKhER] | [מויכער, MOYKhER] |

13. LOSHN-KOYDESH … d'origine hébraïque et araméenne/of Hebrew and Aramaic origin 14. … TAMTSES quintessence spirituelle/spiritual essence 15. l'étincelle du judaïsme/spark of Jewishness 16. S'ROV la plupart/most 17. IVRI'T hébreu moderne/modern Hebrew 18. chercheur en linguistique/language scholar 19. intéressant/interesting 20. … PONEM *ici* serait très différent/*here* would had been quite different 21. … E'MESN à vrai dire/actually 22. MASHPIE … a influencé/influenced 23. ASHKENA'ZIShE ashkénaze/Ashkenazi 24. PINKEYSIM registres des communautés/chronicles of Jewish communities, *sing*. פּינקס PINKES 25. ShAYLES UTShUVES *responsa* rabbiniques/rabbinical *responsa* 26. MASKI'LISHER des Lumières/of the Enlightenment 27. KHSI'DISHER hassidique/Hasidic 28. calques 29. MAYLE avantage/asset 30. INYEN sujet/subject 31. MADREYGES niveaux/levels 32. OYSYES caractères/characters, *sing*. אות OS 33. TALMIDIM étudiants/students 34. approfondir leurs connaissances/broaden their knowledge 35. KEDE'Y … afin de/in order to 36. renforcer/reinforce 37. HASOGE compréhension/understanding 38. LEMOShL par exemple/for example 39. au pied levé/quickly 40. POShET simplement/simply 41. ALREGL-AKhES sur un pied/on one foot 42. astuce/trick 43. gros bonnet/big shot 44. MA NIShMA quoi de neuf?/what's new? 45. YEDEYE ShEYNE YEDEYE … celui qui sait qu'il ne sait pas a déjà la moitié de la connaissance/knowing that you dont't know is the beginning of knowledge 46. TEUSIM erreurs/mistakes, *sing*. טעות TOES 47. prononciation/pronunciation 48. sens/meaning 49. exceptions 50. ALPI ROV dans la plupart des cas/for the most part 51. syllabe/syllable 52. BEDEREKh KLAL en règle générale/as a general rule 53. non accentué/unstressed 54. MEShUGE fou/crazy 55. HAVORE prononciation/pronunciation 56. KOMETS la voyelle אָ [O]/the vowel אָ [O] 57. ShOLEM paix/peace 58. TSEYRE la voyelle אֵ [EY]/the vowel אֵ [EY] 59. MEYVN expert 60. KHOYLEM la voyelle/the vowel וֹ [OY/O] 61. MOYKhER vendeur/seller

אַחוץ[62] די וואָקאַלן, האָט ייִדיש (און אַשכּנזיש העברעיִש) אָפּגעהיט דעם אונטער־שייד צווישן די קאָנסאָנאַנטן תּ און ת, וואָס מאָדערן העברעיִש האָט פֿאַרלוירן:

| **בײַשפּיל** | **עבֿרית** | **ייִדיש** |
| --- | --- | --- |
| מתּנה[63] | [מאַטאַנאַ] | [מאַטאָנע] |
| **אָבער**: מתנגד[64] | [מיטנאַגעד] | [מיסנאַגעד] |

## געניטונג

אָט די דרײַ כּללים[65] זײַנען גענוג אויף ריכטיק אַרויסצורעדן ס׳רובֿ לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער אויף ייִדיש. לאָמיר באַטראַכטן, למשל, דאָס וואָרט **מלחָמות**[66]. אויף העברעיִש רעדט מען עס אַרויס [מילכאַמאָט] מיטן אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף: מל-חָ-מות. אָבער אויף ייִדיש פֿאַלט דער אַקצענט אויפֿן פֿאַרלעצטן טראַף: מל-חָ-מות. דער ערשטער טראַף (אַרויסגערעדט [מיל]) בלײַבט אין ייִדיש אָן שינויים[67]. אַזוי ווי אונטער דעם **ח** אינעם צווייטן אַקצענטירטן טראַף שטייט אַ קמץ, איז דער וואָקאַל אַן [אָ]־קלאַנג (ס). לויטן ערשטן כּלל ווערט דער וואָקאַל אינעם לעצטן אומבאַטאָנטן טראַף אָפּגעשוואַכט צו אַן [ע]־קלאַנג. דערצו מוז מען אַרויסרעדן דעם **ת** אָן אַ דגש[68] ווי אַ ס. אַזוי אַרום[69] רעדט מען אַרויס דאָס גאַנצע וואָרט אויף ייִדיש: מיל-**כאָ**-מעס.

## אויסנאַמען

צום באַדויערן[70] זײַנען פֿאַראַן אַ סך אויסנאַמען צו די דאָזיקע כּללים, למשל:

אין אַ פּאָר ווערטער בלײַבט דער אַקצענט אויפֿן לעצטן טראַף, צום בײַשפּיל: **כּדי**[71], **יסוד**[72]. די ווערטער רעדט מען פּשוט אַרויס פּונקט[73] ווי אין העברעיִש, ווי אויך איינטראַפּיקע[74] ווערטער ווי **קול**[75], **סוד**[76] און **רובֿ** (אָבער דווקא[77] נישט **חובֿ**[78], וואָס מע רעדט אַרויס [כויוו]).

**פּסח**[79] און **מֶלך**[80] שרײַבט מען מיט סגול[81], נישט מיט צרי. פֿונדעסטוועגן[82] רעדט מען זיי אַרויס [פּייסעך] און [מיילעך].

פֿאַרמאַכטע אַקצענטירטע וואָקאַלן ווערן אָפֿט אַרויסגערעדט ווי אויף מאָדערן העברעיִש (למשל: **סופֿר**[83] [סויפֿער], אָבער **סופֿרים** [סאָפֿרים]).

דער אַרויסרעד פֿון חטף־וואָקאַלן[84] איז אויך קאָמפּליצירט און האָט אַ סך אויסנאַמען (למשל: חֲסידות[85] [כסידעס], אָבער מעֲשׂה[86] [מײַסע]).

אַ פּאָר ווערטער האָבן אַן אַנדער אַרויסרעד ווי אויף מאָדערן העברעיִש וואָס מע וואָלט אין גאַנצן נישט געקענט פֿאָרויסזען:

| **בײַשפּיל** | **עבֿרית** | **ייִדיש** |
| --- | --- | --- |
| שמשׂ[87] | [שאַמאַש] | [שאַמעס] |
| בעל־עגלה[88] | [באַל־אַגאַלאַ] | [באַלעגאָלע] |
| קריאת־שמע[89] | [קריאַט־שמאַ] | [קרישמע] |

דער פּועל־יוצא[90] פֿון די אַלע אויסנאַמען איז, אַז העברעיִש־קענערס דאַרפֿן זײַן זייער פֿאָרזיכטיק מיטן אַרויסרעד פֿון העברעיִזמען. פֿאַר אַלע נײַע ווערטער איז זייער געוווּנטשן[91] צו קאָנטראָלירן דעם ריכטיקן אַרויסרעד אין אַ ווערטערבוך. דאָס ווערטערבוך פֿון לשון־קודש־שטאַמיקע ווערטער (זעט בילד) איז זייער ניצלעך פֿאַר ייִדיש־לערנערס וואָס קענען העברעיִש, נישט נאָר ווײַל עס גיט דעם ריכטיקן אַרויסרעד פֿון די דאָזיקע ווערטער, נאָר אויך צוליב דעם, אַז עס העלפֿט מיט דער צווייטער שוועריקייט פֿאַר העברעיִש־קענערס וואָס לערנען זיך ייִדיש: דער ריכטיקער זינען פֿון די העברעיִזמען אין דער שפּראַך.

אינעם קומענדיקן נומער וועלן מיר ממשיך זײַן[92] מיט העברעיִש, דאָס מאָל וועגן סעמאַנטישע אונטערשיידן צווישן מאָדערן העברעיִש און דעם לשון־קודש־שטאַמיקן קאָמפּאָנענט אין ייִדיש.




62. AKhU'TS en plus des/aside from 63. MATONE cadeau/gift 64. MISNAGED opposant au hassidisme/opponent of Hasidism 65. KLOLIM règles/rules, *sing.* כּלל KLAL 66. MILKHOMES guerres/wars 67. … ShINUIM sans changement/unchanged, *sing.* שינוי ShINE 68. DOGESh le point dans le תּ/the dot in the תּ 69. ainsi/thus 70. malheureusement/unfortunately 71. KEDE'Y afin de/in order to 72. YESO'D base/basis 73. exactement/exactly 74. monosyllabiques/monosyllabic 75. KOL voix/voice 76. SOD secret 77. DAVKE justement/on the contrary 78. KhOYV dette/debt 79. PEYSEKh Pâque/Passover 80. MEYLEKh roi/king 81. SEGL la voyelle אֶ [E]/the vowel אֶ [E] 82. néanmoins/nevertheless 83. SOYFER scribe 84. KhATEF-… voyelles courtes, comme אֲ/short vowels, like אֲ 85. KhSIDES hassidisme/Hasidism 86. MAYSE histoire/story 87. ShAMES bedeau/beadle 88. BALEGOLE cocher/coachman 89. KRIShME prière « Kriyat-Shema »/the prayer "Kriyat-Shema" 90. POYEL-YOYTSE conséquence 91. souhaitable/recommended 92. MAMShIKh … continuer/continue.

# מעשׂה פֿון ר׳ ראָבס רויב און אַ רויבער[1]

## „אַנטלאַפֿאָנטענט" פֿון פּאַטריק גאָרדאָן[2]




אילוסטראַציעס צו דעם משל וועגן אַ קראָ און אַ פֿוקס אינעם אַלט־ייִדישן קו־בוך (ווערנאָ, 1595).

ר׳ ראָב, אויף אַ בוים געסידלט[3],
האָט געהאַלטן אַ קעז אינעם שנאָבל[4].

ר׳ פֿוקס[5], דורך דעם ריח[6] צוגעצויגן,
האָט צו אים בערך[7] אַזוי גערעדט.

„אַ גוט־מאָרגן אײַך, ר׳ ראָב.
סאַראַ[8] שיינער פֿויגל איר זענט! ווי גוט איר זעט אויס!
אין דער אמתן[9], אויב אײַער קול[10] איז אַזוי שיין ווי אײַערע פֿעדערן,
זענט איר דער פֿעניקס פֿון דעם וואַלד!".

הערנדיק אַזעלכע ווערטער, איז דער ראָב געוואָרן מלא־גדולה[11],
און כּדי[12] צו באַווײַזן זײַן שיין קול,
האָט ער געעפֿנט דעם שנאָבל ברייט און אַראָפּגעלאָזט זײַן רויב.

דער פֿוקס כאַפּט עס און זאָגט: „מײַן גוטער הער,
זײַט וויסן אַז יעדער חניפֿהניק[13]
לעבט על־חשבון[14] פֿון די, וואָס נעמען אים ערנסט;
דאָס אָנלערעניש[15] איז ווערט אַ קעז, צי ניין?".

דער ראָב, פֿאַרשעמט און צעמישט,
האָט זיך געשווירן, כאָטש[16] אַ ביסל צו שפּעט,
אַז ער וועט זיך מער קיין מאָל נישט לאָזן נאַרן[17].



1. MAYSE … REB … histoire du vol de Monsieur Corbeau et d'un voleur/story of Mister Crow's robbery and a robber 2. « delaFontainisé » par/"un-La Fontained" by Patrick Gordon 3. perché/perched 4. bec/beak 5. Monsieur Renard/Mr. Fox 6. REYEKh odeur/smell 7. BEEREKh à peu près/roughly 8. quel/such a 9. … E'MESN à vrai dire/if truth be told 10. KOL voix/voice 11. MOLE GEDULE tout fier/bursting with pride 12. KEDEY' afin de/in order to 13. KhNI'FENIK flatteur/flatterer 14. AL-KhEZhBM aux frais de/at the expense of 15. leçon/lesson 16. quoique/although 17. tromper/be fooled.

# וועגן שרײַבן

## פֿון אַלאַן שפּילפֿויגל[1]



אַלאַן שפּילפֿויגל

## אַבי שרײַבן[2]

— נו וואָס מאַכט אַ שרײַבער?

— גאָרנישט: די מורא[3] פֿאַר דער ווײַסער זײַט!

— דו ווייסט גאַנץ גוט אַז דער ייִדישער טעם־טעם וואַרט אויף די טעקסטן דײַנע.

— וויסן ווייס איך[4]! ווי אַזוי זאָל איך עס נישט וויסן? די פֿראַגע איז אָבער אַזאַ: וואָס זאָל איך שרײַבן פֿאַר דעם ייִדישן טעם־טעם? אַ ליד?

— זאָג נישט קיין נאַרישקייטן: דו האָסט שוין אָנגעשריבן עטלעכע לידער.

— אפֿשר[5] אַ נאָוועלע?

— ווי אַזוי זאָלסטו אָנשרײַבן אַ נאָוועלע ווען אַפֿילו[6] צוויי שורות[7] אויף ייִדיש קענסטו נישט אָנשרײַבן?

— וואָס וועגן אַ ראָמאַן?

— נאָך בעסער!

— דו העלפֿסט מיר נישט קיין סך!

— וואָס זאָגסטו? אַוודאי[8] העלף איך דיר אַ סך דורך מײַנע פֿרײַנדלעכע עצות[9], אָבער נישט א י ך בין דער שרײַבער, גאָט צו דאַנקען!

— אַז דו זאָגסט שוין „ס'איז הפֿקר פּעטרעשקע"[10]!

— מאַך נישט חוזק[11] פֿון מיר, זײַ אַזוי גוט!

— איך וועל דיר עפּעס זאָגן איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: דו מעגסט שרײַבן וואָס דו ווילסט, אַבי דײַנע טעקסטן זאָלן נישט האָבן קיין פֿעלער. אַבי די, וואָס וועלן דיך לייענען, זאָלן עס פֿאַרשטיין. אַבי זיי זאָלן לאַכן און וויינען און טראַכטן און חלומען[12]... אָבער אויב זיי נודיען זיך[13], איז בעסער פֿאַר אַלעמען דו זאָלסט טאָן עפּעס אַנדערש.

## וואָס פֿאַר אַ ליד זאָל איך שרײַבן

אַ ליד אַ נײַס זאָל איך שרײַבן?
פֿון וואַנען וואָלט עס אַרויסקומען?
פֿאַר וואָס וואָלט עס באַשליסן זיך צו ווײַזן?
וואָלט עס אַרויסקריכן פֿון אַ מוח[14] אַ קראַנקן?
וואָלט עס זיך אַרויסגליטשן פֿון מרה־שחורה[15]?
אָדער להיפּוך[16] וואָלט עס צעבליִען[17]
ווי אַ פֿרישע בלום אויף אַ זינגענדיקן מאָרגן?

וואָס פֿאַר אַ האָפֿענונג איבערצוגעבן?
וואָס פֿאַר אַ מתּנה[18] פֿאַר די לייענערס?
וועלכע צוקונפֿט פֿאַר אונדזערע קינדער?
וועלכעס לעבן? וועלכע וועלט?

אַ פֿאַלשע וועלט אַזאַ וואָס ווייסט אַליין נישט
ווו זי גייט
אַזאַ מין וועלט וואָס ווייסט אַפֿילו נישט
ווו צו גיין
און האָט שוין פֿאַרגעסן
ווי אַזוי מע לעבט עס איבער
ווי אַזוי מע לעבט עס צוזאַמען
ווי אַזוי מע זאָגט עס אָמן[19]

יוני 2015

1. Alain Spielvogel 2. l'essentiel c'est d'écrire/as long as you write 3. MOYRE peur/fear 4. bien sûr que je sais/of course I know 5. EFSHER peut-être/maybe 6. AFILE même/even 7. SHURES lignes/lines 8. AVADE bien sûr/of course 9. EYTSES conseils/advice 10. ... HEFKER ... tout est permis/anything goes 11. ... KHOYZEK ne te moque pas/don't make fun 12. KHO'LEMEN rêver/dream 13. s'ennuient/are bored 14. MOYEKH esprit/mind 15. MORE-SHKHOYRE mélancolie/melancholy 16. LEHEYPEKH au contraire/on the contrary 17. s'épanouir/blossom 18. MATONE cadeau/gift 19. OMEYN amen.

גיטעלע (גלאָריאַ) מילכבערג[1], אַ לאַנג־יאָריקע לערערין אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער, האָט אונדז צוגעשיקט אָט די צוויי קונציקע[2] טעקסן, וואָס באַשטייען אין גאַנצן[3] פֿון שפּריכווערטער[4]. ס׳איז שוין אַ פּאָר יאָר וואָס די מחברטע[5] פֿאַרנעמט זיך מיט צונויפֿשטעלן אַ צווייששפּראַכיקן, ייִדיש־פֿראַנצייזישן לעקסיקאָן פֿון ייִדישע שפּריכווערטער מיט דערקלערונגען. מיר האָפֿן אַז מע וועט איר אַרבעט קענען געפֿינען אין אַ צײַט אַרום אויף אינטערנעץ.

# מעשׂהלעך[6] מיט שפּריכווערטער

## פֿון גיטעלע מילכבערג

### אויף אַ נאַר[7] איז קיין פּירוש[8] ניט צו מאַכן

אַ נאַר פֿאַרשטייט דאָך גאָרנישט, איז צו וואָס פּטרן[9] צײַט אים עפּעס צו דערקלערן? מיר ווייסן דאָך אַז „אַ נאַר איז אַ גזר[10]", אַז „אַ נאַר איז אַן אייביקער קאַליקע[11]", אַז „אַ נאַר פֿאַרשטייט נישט פֿון קיין חכמות[12]".

צום גליק איז אַ פֿאַקט אַז „דאָס מזל[13] פֿון אַ נאַר איז אַז ער ווייסט ניט אַז ער ווייסט ניט", פֿאַרשפּאָרט ער[14] צו לײַדן פֿון דעם: „אַ נאַר האָט אַ שיינע וועלט", „אַ נאַר און אַ פֿערד האָבן נישט צו זאָרגן".

דערצו נאָך, אַזוי ווי דאָס שפּריכוואָרט זאָגט „אַז אַ קלוגער רעדט צו אַ נאַר, רעדן צוויי נאַראָנים", וויל איך נישט פֿאַררעכנט ווערן פֿאַר אַ נאַר, באַפֿרײַ איך זיך פֿון אָט דער אומזיניקער פֿליכט[15], ווײַל „אַ נאַר בלײַבט אַ נאַר", „מיט אַ נאַר טאָר מען קיין וויכּוח[16] ניט האָבן", „אויף אַ נאַר קען מען קיין פֿאַראיבל[17] ניט האָבן", ווײַל „אַ נאַר קען מען ניט אויסנאַרן", „פֿאַר אַ נאַר איז ניטאָ קיין רפֿואה[18]": „קאָך אַ נאַר אין עסיק און אין האָניק[19], בלײַבט ער אַלץ אַ נאַר".

1. Gloria Milchberg 2. astucieux/clever 3. sont composés entièrement de/consist wholly of 4. proverbes/proverbs 5. MEKhA'BERTE auteure/author (*fém.*) 6. MA'YSELEKh petites histoires/little stories 7. idiot/fool, *plur.* נאַראָנים 8. PEYRESh commentaire/commentary 9. PA'TERN perdre/waste 10. GZAR châtiment/punishment 11. infirme éternel/eternal cripple 12. KhOKhMES sagesse/wisdom 13. MAZL chance/good fortune 14. il s'épargne de/he is spared from 15. devoir insensé/useless obligation 16. VIKUEKh débat/discussion 17. rancune/offense 18. REFUE remède/cure 19. *littéralt* « tu peux cuire un idiot dans du vinaigre et dans du miel », c'est-à-dire « quoique tu fasses »/"whatever you do"





בילדער פֿון יחזקאל שלאָס צו די בעלעמער חכמים
פֿון י. י. טרונק (בוענאָס־אײַרעס, 1951).



## צווישן מאַן און ווײַב איז נאָר גאָט אַ שופֿט[20]

„צווישן צוויי וואָס שלאָפֿן אויף איין קישן, זאָל זיך דער דריטער ניט אַרײַנמישן". איז[21], „זײַ ניט קיין קאָכלעפֿל"[22], „שטופּ זיך ניט וווּ מע דאַרף ניט", „עס איז ניט דײַן געשעפֿט", „ס'איז ניט דײַן באָבעס עסק[23]".

אַלץ איינס וואָס דו זאָלסט ניט פֿאָרשלאָגן[24] וועט ניט טויגן, „עס וועט העלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס[25], ווי אַן אַרבעס אָן דער וואַנט[26]". „ס'איז אַרויסגעוואָרפֿענע אַרבעט", „עס גייט ניט, כאָטש צערײַס זיך[27] !".

„דו דאַרפֿסט עס ווי אַ לאָך אין קאָפּ!", ס'איז ווי קריכן „מיט אַ געזונטן קאָפּ אין אַ קראַנקן בעט". לאָז אָפּ! ס'איז ניט דײַן זאַך! זיי וועלן זיך שוין אַליין אַן עצה געבן[28], ווײַל: „מאַן און ווײַב איז איין לײַב".

אָבער עפּעס איז מיר ניט אין גאַנצן קלאָר, איך קען עס ניט גוט תּופֿס זײַן[29], כ'האָב דעם חשד[30] אַז דו מישסט זיך ניט אַרײַן סתּם אַזוי[31], דו ביסט אפֿשר[32] אַ שותּף[33] אין דעם ענין[34], „אַ פֿינפֿטער ראָד[35] צום וואָגן", און איך האָב גאָר געמיינט אַז דו ביסט זייערס אַ טײַערער געטרײַער חבֿר[36]... פֿאַרגעס אָבער ניט אַז „אַ טראָפּן ליבע ברענגט אַ מאָל אַ ים[37] טרערן".

אילוסטראַציעס צו משה נאַדירס אַ לאָמפּ אָפּן פֿענצטער (ניו־יאָרק, 1929).

20. SHOYFET juge/judge 21. alors/so 22. ne t'en mêle pas/don't meddle 23. ... EYSEK ton affaire/your business 24. proposes/suggest 25. cela sera inutile (*littéralt* comme des ventouses sur un mort)/it will be useless (*lit.* like cupping a corpse) 26. ça ne collera pas (*lit.* comme un petit pois tient au mur)/it will be irrelevant (*lit.* like a pea sticks to a wall). 27. malgré tout ce qu'on fait/despite all efforts 28. ... EYTSE ... se débrouiller/figure it out 29. TOYFES ... comprendre/understand 30. KhShAD soupçon/suspicion 31. STAM ... sans raison/just like that 32. EFShER peut-être/perhaps 33. ShUTEF associé/partner 34. INYEN affaire/matter 35. roue/wheel 36. ... KhAVER ami fidèle/loyal friend 37. YAM mer/sea.



דער ייִדישער
**DER YIDISHER**

# טעם־טעם
# TAM-TAM

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס


דער ייִדישער טעם־טעם איז אַ פּובליקאַציע פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק.

*Der yidisher tam-tam* est une publication de la Maison de la culture yiddish – Bibliothèque Medem.


## רעדאַקציע

**רעדאַקציע־קאָלעגיע**
עוולין גרומבערג
רובי מאָנעט
נאַטאַליע קריניצקאַ

**מיטאַרבעטער אין דעם נומער**
שרון בר־כּוכבֿא
אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע
טל חבֿר־כיבאָווסקי (אויסשטעל־פּראָיעקט)
יצחק ניבאָרסקי (שפּראַך־השגחה)
מאַרי פּרימאָ (אויסשטעל)

## Rédaction

**Comité de rédaction**
Evelyne Grumberg
Natalia Krynicka
Rubye Monet

**Ont collaboré à ce numéro**
Sharon Bar-Kochva
Tal Hever-Chybowski (maquettiste)
Akvilė Grigoravičiūtė
Yitskhok Niborski (responsable linguistique)
Marie Primault (graphiste)


**Der yidisher tam-tam**
Maison de la culture yiddish –
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris

Tél. : +33(0)1 47 00 14 00

yiddishweb.com/tamtam
tamtam@yiddishweb.com


**פּרײַז: 2,50 אייראָס**
**Prix/Price : 2,50 €**






**דער ייִדישער טעם־טעם איז אַן איינ־און־איינציקע פּובליקאַציע אין גאַנצן געווידמעט ייִדיש־לערנערס, וואָס גייט אַרויס אָן פּראָפֿיט־צוועקן. מיר בעטן אײַער אונטערשטיצונג!**

**מיר פֿאַרבעטן אײַך**
— זיך צו אַבאָנירן אויף:
yiddishweb.com/abonirn
— צו קויפֿן אַלטע נומערן אויף:
yiddishweb.com/altenumern
— צו שיקן אַ צושטײַער אויף:
yiddishweb.com/matone
— צו דערציילן אײַערע חבֿרים, לערערס און תּלמידים וועגן דעם ייִדישן טעם־טעם!

מיר דאַנקען אײַך גאָר האַרציק!
די רעדאַקציע